967
1

ק. קאוטסקי.

וועגען דער נאציאנאלער פראגע אין רוסלאנד.

פרייז 3 קאפ'.

ביבער פערלאג „די וועלט".
ווילנא — 1906.

К. Каутскій.—О національномъ вопросѣ въ Россіи.

Печатано въ типографіи „Вдова и братья Роммъ" Уголъ Духов. и Глух. пер. соб. домъ № 1/2.

Набрано въ тип. Баскинда, Вильна Завальная ул. д. Троцкаго.

1906.

װעגען דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אין רוסלאַנד *).

I.

עס איז נאַטירליך אומעגליך פֿאָלקאָמען צו בעטראַכטען די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין אַ קורצען אַרטיקעל פֿון עטליכע זײַטען. די נאַציאָן איז דאָך ניט אַזאַ מין געזעלשאַפֿטליכער קערפּער, װאָס איז אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל געשאַפֿען געװאָרען פֿון דער נאַטור, װי דאָס רעכענען יענע געלעהרטע, װעלכע עס זוכען אין דער נאַציאָן די סמנים פֿון דער ראַסע; נײן, די נאַציאָן איז אַזאַ מין געזעלשאַפֿטליכער קערפּער, װעלכער עס װערט אַרױסגערופֿען אין די פֿערשידענע צײַטען דורך די פֿערשידענסטע בעדינגונגען, װעלכער עס נעהמט אָן פֿערשידענע פֿאָרמען, ענטװיקעלט זיך און װערט פֿערענדערט אין פֿערלויף פֿון דער געשיכטע. אַפּילו בײַ די הײַנטיגע קולטור־פֿעלקער איז דער בעגריף פֿון דער נאַציאָנאַליטעט זעהר פֿערשידען, לויט נאָך דער בעזונדערער געשיכטליכער ענטװיקלונג, װאָס יעדערע פֿון זײ האָט דורכגעמאַכט. און אויף יעדערען פֿון אונזערע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען קומען דערפֿון אַרויס, װי עס איז בעקאַנט, גאַנץ היבשע שװעריגקײַטען. נעהמט די פֿראַנצויזישע נאַציאָן, די אידישע, די אויסטראַלישע, דײַטשע, די אַרמענישע — יעדערע פֿון זײ בעדײַטעט עטװאָס גאַנץ אַנדערס.

נאָר װי עס זענען ניט פֿערשידען די געשיכטליך אויסגעװאַקסענע נאַציאָנען, אײן זאַך זעהען מיר בײַ זײ אַלעמען: די געמײנזאַמע שפּראַך. ניט אַלע װאָס רעדען אויף אײן לשון, געהערען אַלע מאָל צו אײן נאַציאָן, אָבער אַלע מיטגלידער פֿון אײן און דער זעלבער נאַציאָן רעדען אַלע מאָל אויף דעם זעלבען לשון. די שפּראַך איז טאַקי דער װיכטיגסטער געזעלשאַפֿטליכער פֿערבינדונגסמיטעל; אָהן אַ געמײנזאַמער שפּראַך איז קײן שום געמײנזאַמע געזעלשאַפֿטליכע טהעטיגקײַט ניט מעגליך.

---

*) פֿון דעם אַרטיקעל, װאָס קױטסקי האָט אָנגעשריבען אַלס אַ פֿאָר־רעדע צו דער אַרמענישער אױסגאַבע פֿון ערפֿורטער פּראָגראַם. דיזער אַרטיקעל איז אויך אָבגעדרוקט אין דער לײַפּציגער „פֿאָלקס־צײַטונג" № 86, פֿון 29־טען אַפּריל 1905.

אָבער די נאַציאָנאַלע אָדער די שפּראַכליכע איינהייטליכקייט זענען ניט אַלע מאָל פֿערבונדען מיט דער איינהייטליכקייט פֿון דער מלוכה. דערפֿון קומען אַרויס די סכסוכים, פֿון וועלכע עס בעשטעהען די איצטיגע נאַציאָנאַלע פֿראַגען.

איידער עס איז אויפֿגעקומען דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופֿן, איז פֿאַר איין מלוכה ניט שווער געווען צו האַלטען אין איהר רשות די פֿערשידענסטע נאַציאָנאַליטעטען. למשל, אַ וועלכע ניט איז מיטעלאַלטערליכע אָדער מזרח'דיגע מלוכה האָט געקענט בעשטעהען פֿון אַ צונויפֿמישונג פֿון די פֿערשידענסטע געמיינדען, געגענדען און פּראָווינצען, וועלכע עס האָבען צווישען זיך געהאַט זעהר קליינע בעציהונגען, פֿלעגען אַליין איינאָרדנען זייערע אייגענע אינעווייניגסטע ענינים, פֿלעגען יעדערע פֿאַר זיך פֿיהרען זייערע עסקים, זייערע בעציהונגען מיט דער צענטראַלער מאַכט, און דערביי פֿלעגען דיזע בעציהונגען כמעט דורכאויס בעשטעהען אין דעם, וואָס מען פֿלעגט פֿעסטשטעלען, ווי הויך עס זאָלען זיין די אָבצאָהלונגען, מיט וועלכע די צענטראַלע מאַכט האָט געקענט טהאָן, וואָס זי האָט געוואָלט. יעדערע פֿון דיזע געמיינדען אָדער געגענדען האָט געקענט געהערען צו אַן אַנדער נאַציאָן, די צענטראַלע מאַכט האָט ווידער געקענט שטאַמען פֿון אַ בעזונדערע נאַציאָנאַליטעט, און דאָס האָט גאָר ניט אויסגעמאַכט. דערפֿאַר איז אָבער אויך דער צוזאַמענבונד פֿון אַזעלכע מלוכות געווען זעהר אַ שוואַכער. אַ גליקליכער קריעגספֿיהרער האָט פֿאַר איין נאַכט געקענט צוזאַמענכאַפּען אַ גאַנצע אימפּעריע; פֿערקעהרט, איין פֿערלאָרענע שלאַכט האָט געקענט צורייסען אַזאַ אימפּעריע אויף טויזענד חלקים.

דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופֿן האָט געבראַכט דערצו, אַז עס האָט זיך פֿערפֿיהרט אַ לעבעדיגער פֿערקעהר ווי צווישען די איינצעלנע געמיינדען און געגענדען, אַזוי אויך צווישען יעדערער פֿון זיי און די צענטרען פֿון מסחר און אינדוסטריע אין דער מלוכה. ער האָט מבטל געווען די אָבגעזונדערטהייט פֿון די איינצעלנע געגענדען, האָט אויפֿגעשטעלט אַן ענגע פֿערבינדונג צווישען זיי; ער האָט פֿעראינטערעסירט אין דער פֿערוואַלטונג און אין דער פֿאָרם פֿון דער מלוכה צוערשט יענע קלאַסען, וואָס שטעהען נעהנטער צו דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן — די קאַפּיטאַליסטען, די אינטעליגענץ, דעם אינדוסטריעלען פּראָלעטאַריאַט, די קליינבורזשואַזיע פֿון די גרויסע שטעדט, אָבער ביסלעכווייז אַפֿילו אויך די קליינשטעדטעלדיגע קליינבורזשואַזיע און די פּויערים. די דעמאָקראַטישע שטרעבונגען פֿון די אונטערסטע דעמאָקראַטישע קלאַסען זענען דעריבער אַרויס

פון די ענגע גרענעצען פון דער געמיינדע אדער געגענד און האבען זיך פערשפרייט אויף דער גאנצער מלוכה; עס איז געווארען נויטיג דעמאקראטיש איינצוארדנען די מלוכה גופא. אבער צו גלייכער צייט האבען די נאציאנאלע פערשידענהייטען וואס ווייטער אלץ מעהר געשטערט אויפצושטעלען אין איינהייטליכע מלוכה. יענע מלוכות, אין וועלכע אלע האבען גערעדט אויף איין לשון, זענען געווארען די מעכטיגסטע און האבען זיך אויף'ן שטארקסטען אופן צוזאמענגעבונדען. אין די מלוכות מיט עטליכע לשונות האט זיך, פערקעהרט אנגעהויבען א קאמפף צווישען די איינצעלנע נאציאנען. די סבה דערפון איז געלעגען אין דעם, וואס די היינטיגע מלוכה האט זיך אומעטום געציעלט, אז אין איהרע גרענעצען זאל דער לשון, דער מעכטיגסטער פערבינדונגסמיטעל פון דער געזעלשאפט, איינהייטליך ווערען; די פאלקס-בילדונג, די ענינים פון דער מלוכה-פערוואלטונג און פון געריכט זאלען געפיהרט ווערען אויף איין און דער זעלבער שפראך. יענע נאציאן, וועמעס לשון מען האט צוליעב דיזען צוועק אויסגעקליבען, האט דורך דעם גופא בעקומען זעהר גרויסע פאליטישע און עקאנאמישע פריווילעגיעס לגבי די איבעריגע נאציאנען. דאס האט, פערשטעהט זיך, ארויסגערופען דעם גרעסטען ווידערשטאנד פון די נאציאנען, וואס האבען דערפון געליטען. וואס מעהר עס ענטוויקעלט זיך דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאנס-אופן, וואס שטארקער עס ווערען די בעשטרעבונגען צו בעשאפען אין איינהייטליכע מלוכה, אלץ מעהר וואקסען-אויס אין דיזער מלוכה ניט נור די אלגעמיינע דעמאקראטישע בעשטרעבונגען, נאר אויך דער נאציאנאלער קאמפף, אויב נור עס געהען אין איהר אריין עטליכע נאציאנען. ביידע, די דעמאקראטישע בעשטרעבונגען און דער נאציאנאלער קאמפף, זענען קינדער פון איין מוטער און זענען נאטהווענדיג פערבונדען מיט דער היינטיגער ענטוויקלונג.

פון דער אנדער זייט, וואס לעבעדיגער עס ווערט דער פערקעהר, אלץ לייכטער פערשפרייטען זיך די זעלביגע אידעען צווישען די מיטגליעדער פון איין נאציאן, וועלכע עס געהערען צו פערשידענע מלוכות; און וואס העפטיגער עס פלאקערט זיך פאנאנדער דער נאציאנאלער קאמפף, אלץ שטארקער פיהלט יעדע נאציאן, ווי נויטיג עס איז איהר ענגער צו פערבינדען אלע איהרע טיילען, אלץ מעהר זעהט זי דערינען דעם בעסטען מיטעל אויף צו ענטוויקלען פאלקאמען אלע איהרע קרעפטען. אזוי זעהען מיר, אז דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאנס-אופן רופט-ארויס ביי די נאציאנען, וועלכע וואהנען אין עטליכע לענדער, וואס געפינען זיך איינע נעבען די אנדערע און געהערען אבער צו פערשידענע מלוכות, די בעשטרעבונגען צו

פֿעראייניגען דיזע אַלע לענדער אין אײן אײנציגע מלוכה, און במילא הייסט עס אָבשאַפֿען זיך פֿון זייערע פֿריהערדיגע מלוכות.

דיזע נאַציאָנאַלע טענדענץ ווערט אויך אַזוי ווי די ערשטע, וועגען וועלכער מיר האָבען אויבען גערעדט, נויטווענדיג אַרויסגערופֿען דורך דער היינטיגער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, און מען קען זי אויך אַזוי ווייניג אָבהאַלטען, ווי דיזע ענטוויקלונג גופֿא. דאָרטען, וואו אַזעלכע נאַציאָנאַלע טענדענצען קעמפֿפֿען, אַז מען זאָל זיי אַנערקענען, מוז יעדע מאָדערנע פּאַרטיי, אויך די פֿערטרעטערין פֿון פּראָלעטאַריאַט, די סאָציאַלדעמאָקראַטיע, רעכענען זיך מיט דיזער נויטווענדיגקייט; פּונקט אַזוי ווי זי שטיצט אונטער די בעשטרעבונגען אײנצואָרדנען די מלוכה אויף דעמאָקראַטישע יסודות, מוז זי אויך אונטערשטיצען די בעשטרעבונגען פֿון די אײנצעלנע נאַציאָנען, צווישען וועלכע זי לעבט און ווירקט, צו פֿעראייניגען זיך אין איין מלוכה און צו דערשלאָגען זיך צו נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיגקייט. אין דעם זינען מוז זי זיין אויך אַזוי נאַציאָנאַל, ווי דעמאָקראַטיש.

אָבער פּונקט אַזוי ווי זי קען ניט און טאָר ניט זיין א בורזשואַזע־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אויך אַזוי קען זי ניט זיין און טאָר ניט זיין נאַציאָנאַליסטיש אין דעם זעלבען זינען, ווי די הערשענדע קלאַסען. איהר נאַציאָנאַלע און איהר דעמאָקראַטישע פּאָליטיק מוז צוגעפּאַסט זיין צום עצם פֿון דעם פּראָלעטאַרישען קלאַסען־קאַמפּף, און דורך דעם בעקומט זי אַ אייגענטימליכען כאַראַקטער.

II.

קודם כל מוז די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אַרויסטרעטען געגען יענעם רעאַקציאָנערען נאַציאָנאַליזם, פֿאַר וועלכען עס שטעהען די קלאַסען, וואָס זענען רעאַקציאָנער אין עקאָנאָמישער בעציהונג — ווי דער אַדעל, די קליינבירגער און זייערע אידעאָלאָגען. דיזע קלאַסען קוקען אויף די נאַציאָנאַלע ציעלען ניט ווי אויף אַ נייער זאַך, וואָס האָט איהר שרש אין די איצטיגע פֿערהעלטניסען, נאָר זיי דרינגען אַרויס דיזע ציעלען פֿון די אַלטע טראַדיציעס, וועלכע זיי ווילען ווידער אויפֿוועקען צו תחית־המתים. ביי די נאַציאָנען, וואָס האָבען אַ גלענצענדע היסטאָריע, קען זיך צייטענווייז טרעפֿען, אַז מיט דיזער בעשטרעבונג זאָלען זיך בעגייסטערען אויך אַזעלכע אידעאָלאָגען, וואָס אין אַנדערע פּרטים קען מען זיי פֿאַר רעאַקציאָנערען ניט רעכענען.

די דייטשע ליבעראַלען האָבען, למשל, אַ גרויסען השק צו בעטראַכטען די איינהייט פֿון דער דייטשער מלוכה אַלס די אויפֿלעבונג

פֿון דער מיטעלאַלטערליכער דייטשער אימפּעריע; די טשעכען, אויך די דעמאָקראַטישע, וואָלטען וועלען וויעדער אויפֿשטעלען די מדינה פֿון די אַלטע בעהמישע קיסרים; צווישען די פּאָליאַקען לעבט נאָך דער טרוים וויעדער אויפֿבויען דאָס אַלטע פּוילען. וואָס עס טהוט זיך אין דעם פּרט ביי די אַרמענער, ווייס איך ניט, מסתמא קומט דאָרטען אויך דאָס זעלבע פֿאַר. און מען דאַרף ניט פֿערגעסען, אַז דיזע אַלע מדינות זענען גאָר ניט געווען קיינע נאַציאָנאַלע מלוכות, ווי מען פֿערשטעהט איצטער דיזען בעגריף, ווייל פֿאַר דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופֿן זענען דאָך די יסודות פֿון דער מלוכה געווען גאַנץ אַנדערע, און ניט נאַציאָנאַלע. די רוימישע מלוכה פֿון דער דייטשער נאַציאָן, איבער וועלכער עס האָבען געהערשט די האָהענ־שטאַאופֿען, האָט פֿערנומען דעם שטח פֿון דענעמאַרק ביז סיציליען; פּשעמיסלידען, וואָס זייער כסא־המלוכה איז געווען אין פּראַג, האָבען אין דער צייט פֿון זייער גרעסטער מאַכט געהערשט איבער אַ לאַנד, וועלכע עס האָט זיך געצויגען פֿון די ריזענבערג ביז צום אַדריאַטישען ים, ד. ה., כמעט איבער דאָס גאַנצע טעריטאָריום פֿון דעם היינטיגען עסטרייך, אַ חוץ אונגאַרן און גאַליציען. די מדינה פֿון די פּוילישע יאַגעלאָנען האָט פֿערנומען דעם גאַנצען שטח פֿון פּאָזען ביז קיעוו און נאָוואָגאָראָד, און אונטער זייער הערשאַפֿט האָבען זיך אויף אַזאַ אופֿן געפֿונען ניט נור פּאָליאַקען, נאָר אויך דייטשען, ליטאָווצעס, רוסען, קאָזאַקען; אין דער אַרמענישער מדינה, וואו עס האָט געהערשט טיגראַן, האָבען אויך געלעבט די פֿערשידענסטע נאַציאָנען.

אויפֿריכטען די אַלטע גדולה — דאָס הייסט אָבגעבען זיך מיט דעם געדאַנק, לעבעדיג צו מאַכען מתים. נאָר אַפילו פֿאַנטאַזירען וועגען דעם איז אויך שעדליך, ווייל דיזע פֿאַנטאַזיעס קעהרען־אָב דעם בליק פֿון די ווירקליכע פֿערהעלטעניסען און זיי אונטערשטיצען אַלע רעאַקציאָנערע בעשטרעבונגען.

נאָר אַפילו צו די מאָדערנע בעשטרעבונגען פֿון די בורזשואַזע פּאַרטייען, אויפֿצובויען ווירקליכע נאַציאָנאַלע מלוכות, קען אויך די סאָציאַלדעמאָקראַטיע בלינדערהייט ניט צושטעהן. אויב די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרף האַלטען פֿאַר אַ יושר די בעשטרעבונגען צו נאַ־ציאָנאַלער אונאָבהענגיגקייט און זי מוז זיך מיט זיי רעכענען, איז נאָך דערפֿון ניט געדרונגען, אַז זי מוז אונטערשטיצען יעדע פֿאָרם, וועלכע דיזע בעשטרעבונגען האָבען אָנגענומען. און דיזע פֿאָרמען קענען זיין זעהר פֿערשיעדען.

אַזוי, למשל, זעהען מיר ביי די פֿערשיעדענע נאַציאָנען, וואָס

וואהנען אין די גרעניץ-לענדער פון רוסלאנד, ווי פינען, לאטישען, פאליאקען, אוקראאינער, פערשידענע קאווקאזער פעלקער, א שטארקען בעגעהר צו זעלבסטשטענדיגקייט, א בעגעהר, וועלכער עס האט געבראכט צו דער שטרעבונג אויסטהאן זיך פון יעדערער פערבינדונג מיט דער רוסישער מדינה, אבצרייסען זיך מיט געוואלד פון רוסלאנד און מאכען די דערמאנטע געגענדען פאר זעלבסטשטענדיגע מלוכות. נאר דאס אלץ גילט בנוגע צו דעם זעלבסטהערשענדען רוסלאנד. זאל אבער די זעלבסטהערשונג פערביטען ווערען דורך א דעמאקראטישער ארדנונג, דאן קען די שטרעבונג פון דיזע נאציאנען צו זעלבסטשטענדיגקייט בעפרידיגט ווערען אויך אויף א'ן אנדער אופן: זיי בלייבען פערבונדען מיט דער רוסישער מדינה, אבער דיזע מדינה ווערט איבערגעבויט אויף אנדערע יסודות, זי בעקומט א כאראקטער פון א מלוכה-בונד פון די „פעראייניגטע שטאטען פון רוסלאנד". דערינען קען אפילו ליגען די טובה פון די איינצעלנע נאציאנען. די ענגלישע קאלאניען טראכטען אפילו ניט אבצרייסען זיך פון ענגלאנד איינפאך דערפאר, ווייל זייער זעלבסטשטענדיגקייט איז א סך זיכערער, ווען זיי זענען פערבונדען מיט דעם מעכטיגען ענגלאנד, איידער ווען זיי האלטען געווען איזאלירט, און יעדערע פון זיי וואלט אויף איהר אייגענער ריזיקע געדארפט האבען צו טהאן מיט די פערשידענע גרויסע מלוכות פון דער וועלט.

דער זעלבער טעם וואלט געקענט צווינגען אפילו די שטארקסטע פון די נאציאנען, וואס וואהנען אין די גרעניץ-לענדער פון רוסלאנד, אפילו די נאציאנען מיט די לעבעדיגסטע נאציאנאלע געפיהלען ניט צו פערנאנדעררייסען דעם בונד מיט דער גאנצער רוסישער אימפעריע. גראדע פאר די פאליאקען — און דאס זעלבע קען מען אויך זאגען וועגען די ארמענער — בעשטעהט די נאציאנאלע פראגע ניט בלויז אין דער אונאבהענגיגקייט פון דער צארישער מלוכה, נאר אויך אין דער פעראייניגונג פון די פערשידענע טיילען פון דער נאציאן אין איין און דער זעלבער מלוכה. וועלכע פארמען דיזע שטרעבונג זאל אין דער פראקטיק ניט אננעהמען, אין יעדען פאל וועלען די פאליאקען און אויך די ארמענער א סך מעהר דערביי דערגרייכען, ווען זיי וועלען זיך שטיצען אויף א מעכטיגען רוסלאנד, איידער ווען זיי וועלען ארויסטרעטען געגען איהם.

צו וועלען די נאציאנאלע בעשטרעבונגען פון די פאליאקען און די אנדערע פעלקער פון רוסלאנד בריינגען צו דעם בעגעהר אבצורייסען זיך פון דער רוסלענדער מדינה אדער צו דעם בעגעהר איבערצובויען די מדינה אויף פעדעראטיווע יסודות — דאס ווענד זיך

אויף א סך אן די פארמען, וועלכע עס וועט אננעהמען די רעוואלוציע אין רוסלאנד טפא. איך האב אויבען אנגעוויזען אויף די פריינדליכע פערבינדונגען צווישען ענגלאנד און די קאלאניעס. דיזע בעציהונגען וואלטען אונמעגליך געוועזען אין א ביוראקראטיש־צענטראליזירטער מלוכה; זיי זענען מעגליך נור ביי א דעמאקראטישער ארדנונג. וואס מעכטיגער עס וועט זיין דער אנטייל פון דעם פראלעטאריאט אין דער רעוואלוציע פון רוסלאנד, אלץ מעהר וועט די רעוואלוציע זיין ניט בלויז א ליבעראלע, נאר אווירקליך דעמאקראטישע, אלץ א גרעסערע צוציהונגס־קראפט וועט די אימפעריע האבען פאר איהרע נאציאנען, אלץ מעהר וועט זיי בעסער געפעהלען צו זיין אין א פרייען בונד מיט איהר, איידער צו קעמפפען געגען איהר. און פערקעהרט, וואס וועניגער עס וועט זיך איינגעבען אומצוענדערען דעם איצטיגען רעזשים פון רוסלאנד, אלץ מעהר וועט די רעוואלוציע אין די גרענץ־לענדער שטעלען זיך סעפאראטיסטישע ציעלען.

נאר וואס מעהר דעמאקראטישער רוסלאנד וועט ווערען, אלץ וועניגער וועט די מערב־אייראפעאישע דעמאקראטיע פעראינטערעסירט זיין דערינען, אז די פוילישע רעוואלוציע זאל אפרייסען פוילען פון דער רוסישער מדינה. די אבטיילונג פון פוילען האט אויסגעוויזען פאר נויטיג, כל זמן עס איז קיין שום האפנונג ניט געווען איינצוברעכען דעם רוסישען אבסאלוטיזם מיט די אינוועניגסטע קרעפטען פון לאנד, כל זמן א פרייעס רוסלאנד איז געוועזען א חלום, וועגען וועלכען עס האט קוים ווער געוואגט צו פאנטאזירען. דאן איז א פרייעס פוילען מעגליך געוועזען נור אלס א זעלבסטשטענדיגע מלוכה, אלס אן אונאבהענגיגע פון רוסלאנד, און א זעלבשטענדיגע פוילען איז נויטיג געוועזען, כדי צו פערשמעלערען די מאכט פון דעם צאריזם און כדי צו שיטצען מערב־אייראפא פון זיין אנפאל און זיין איינפלוס, כדי צו מאכען פאר אונמעגליך די אויפריכטונג פון דעם „היילינען אליאנס" *). דאס זעלבע קען מען אויך בכלל זאגען וועגען קאווקאז. די אבטיילונג פון קאווקאז, ווי אויך דער קיום פון טירקיי, האבען די דעמאקראטען פון מערב אייראפא ביז צום רעכטען סוף פון די 70־גער יאהרען געהאלטען פאר א וויכטיגען מיטעל אויף אבצושוואכען דעם צאריזם

*) דער היילינער אליאנס, דאס איז געוועזען א'ן אבמאך צווישען די מלכים פון רוסלאנד, עסטרייך און פרייסען, וועלכען זיי האבען געשלאסען אין 1815 יאהר מיט דעם צוועק אונטערצושטיצען די רעאקציע אין גאנץ אייראפא און מיט די פעראייניגטע קרעפטען צו דערשטיקען יעדע פרייע בעוועגונג, צו דעם אבמאך זענען צוגעשטאנען דערנאך כמעט אלע קיסרים פון אייראפא.

דער איבערזעצער.

און במילא אויך אויף צו פֿערשטאַרקען אומעטום די אינטערעסען פֿון דער דעמאָקראַטיע.

אַלע דיזע טעמים װערען בעזײַטיגט דורך דער רוסישער רעװאָלוציע, װי באַלד נור זי װעט אָנשטאָט דעם אַבסאָלוטיזם אײַנפֿיהרען אַ דעמאָקראַטישע אָרדנונג.

אין װאָס פֿאַר אַ פֿאָרם עס זאָל זיך ענדליך ניט אױסדריקען די מלוכה־רעכטליכע לאַגע פֿון די גרענץ־לענדער אין רוסלאַנד, װעט דערמיט דאָך פֿערענטפֿערט װערען נאָר אַ טײל פֿון זײערע נאַציאָנאַלע פֿראַגען; דער אַנדערער טײל קען אויף אַזאַ אופֿן ניט אָבגעשאַפֿט װערען. צו קאַװקאַז װעט זײַן גאָר אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה, אָדער נאָר אַ פּראָװינץ פֿון די פֿעראײניגטע שטאַטען פֿון רוסלאַנד, די לאַגע פֿון דער אַרמענישער נאַציאָן איז נאָך דערמיט ניט בעשטימט. עס זענען דאָ אין רוסלאַנד, אַזױ װי אין עסטרײַך, קלײן־אַזיען, באַלקאַנער האַלבאינזעל, גרױסע געגענדען, װעלכע עס געהערען ניט צו אײן בעזונדערער נאַציאָן, נאָר אין װעלכע די נאַציאָנען װאָהנען זעהר אױסגעמישט צװישען אַנאַנדער און מען קען זײ ניט טעריטאָריאַל אָבשײדען פֿון אַנאַנדער. דערפֿון קומען אַרױס אַזעלכע נאַציאָנאַלע פֿראַגען, װעלכע אַ מערב־אײראָפּעאישער מענש קען ניט בעגרײַפֿען און װעלכע מען קען ניט פֿערענטפֿערען מיט די מיטלען פֿון מערב־אײראָפּאַ. פֿערקעהרט איז, צ. ב., דער עסטרײַכער זעהר גוט בעהאַװענט אין דיזע פֿראַגען, און מען האָט שױן טאַקי אין עסטרײַך שױן זײַט אַ היבשער צײַט פֿאָרגעלײגט אַ סך שכלדיגע פּלענער, װי צונױפֿצופּאָרען די זעלבסטפֿערװאַלטונג פֿין די לענדער מיט דער זעלבסטפֿערװאַלטונג פֿון די אײנצעלנע נאַציאָנען, און אין דער פּאַרטײ־אָרגאַניזאַציע פֿון דער עסטרײַכישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע זענען די בײדע אַרטען פֿון אױטאָנאָמיע אױך פּראַקטיש פֿערװירקליכט *). די בורזשואַזע פּאַרטײען האָבען זיך פֿונדעסטװעגען ביז אַהער האַרטנעקיג אײַנגעשפּאַרט געגען דער אידעע פֿון אױטאָנאָמיע פֿאַר די נאַציאָנען, ניט קוקענדיג אויף דעם, װאָס עסטרײַך פֿאַלט זעהר טיעף איבער די נאַציאָנאַלע מחלוקות, װאָס קומען דאָרט פֿאָר. מיר זעהען אויך דאָ, אַז די גרעסטע שװעריגקײַט צו פֿערענטפֿערען אַ געזעלשאַפֿטליכע פֿראַגע ליעגט אין די מאַכט־פֿערהעלטעניסען פֿון די קלאַסען.

---

*) אינזערע לעזער װײסען מסתּמא, אַז די עסטרײַכישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז אָרגאַניזירט אויף אַ פֿעדעראַטיװער גרונדלאַגע, און יעדע נאַציאָנאַלע סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטײ (פּױלישע, טשעכישע, דײַטשע א. ז. װ.) בילדעט אַ זעלבסטשטענדיגען גליעד אין דיזער פֿעדעראַציע.

דער איבערזעצער.

פראקטישע עצות וואלט שוין קיין דאגה ניט זיין צו געפינען. ווען עס איז נאר דא א רצון, דאן געפינט מען לייכט א וועג. איז פערקעהרט קיין רצון ניטא צו דערגרייכען דעם ציעל, קען דער שענסטער וועג אויך ניט העלפען.

די אויטאנאמיע פון די לענדער לאזט זיך צונויפפארען מיט דעם גייסט פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, ווייל יעדער נאציאן ווערט דורך דעם אבגעשלאסען פון די אנדערע, ווערט דורך דעם א'ן אבגעזונדערטער אינדיווידואום. פערקעהרט איז עס געגען דעם עצם כאראקטער פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, וועלכע עס איז געבויט אויף דער קאנקורענץ, אויף דעם היפוך צווישען די פערשיעדענע פאלקס־שיכטען, אז עס זאלען לעבען פריעדליך צווישען זיך די נאציאנען, וואס וואהנען דורכגעמישט און קענען ניט אבצוימען איינע פון די אנדערע די קרייזען, אויף וועלכע עס פערשפרייט זיך זייער ווירקונג. אמת, די קאנקורענץ רופט ארויס פון צייט צו צייט אזעלכע ערשיינונגען, וועלכע ווירקען געגען איהר גופא. אלע קלאסען פון דער בורזשואזער געזעלשאפט סטארען זיך ביי געוויסע אומשטענדען — און וואס ווייטער אלץ אפטער — אבצושאפען די קאנקורענץ, וועלכע איז ביי געוויסע פערהעלטעניסען פאר יעדען פון זיי שעדליך; אבער די פערמעגענדע קלאסען ווייסען נאר איין מיטעל געגען דער קאנקורענץ: דעם מאנאפאל, פריווילעגיעס פאר איינצעלנע קלאסען, געגענדען, נאציאנען אויפ'ן השבון פון די אנדערע. פון די מיטעלאלטערליכע צעכען און שטאדטישע שלאגבוימען ביז צו די היינטיגע גרענעץ־אבצאהלונגען און קארטעלען ציהט זיך די זעלבע שטרעבונג אבשאפען די קאנקורענץ דורך דעם מאנאפאל. דאס בעדייטעט אבער נאר צו פערבייטען די היפוכים, וועלכע די קאנקורענץ רופט ארויס, מיט נאך שארפערע און ערגערע.

גאנץ אנדערס איידער די פערמעגענדע קלאסען סטארעט זיך דער פראלעטאריאט אבצושאפען אין זיינע רייהען די קאנקורענץ און איהר שאדען; ניט דורך מאנאפאל, נאר דורך סאלידאריטעט. דערי־בער האט ער די מעגליכקייט ביי־צוקומען אין זיינע רייהען אלע יענע היפוכים, וועלכע עס צערשפאלטען די בורזשואזע וועלט אלץ מעהרער און טיעפער, וואס מעהרער זי סטארעט זיך צו בעזייטיגען די קאנקורענץ.

די אדרעסס:

Книгоиздательство „ДИ ВЕЛТЪ“ Вильна.

על פי טעות זיינען פארביטען געווארען די זייטלאך: אויפ׳ן ארט

פונ׳ם 34-טען דאס 43-טע, און פארקערט.